Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

I.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

# ו.

איך בין דאמאלס אלט געווען א יאר צען, דער קלענסטער און דער אָרימסטער צווישן ר׳ חנן־נתנ׳ס תלמידים, אָבער איך געדענק, אז איך פלעג מיך כמעט גרויסן מיט מיין אָרימקייט און איך האָב קיינמאָל נישט מקנא געווען די שיינע בגדים, וואס מיינע חברים פלעגן טראָגן. אַ שטארקע קנאה האָב איך נאָר געהאַט צו זייער „דערוואקסנקייט": זיי זענען „בר־מצוה"ס, מענטשן וועלכע מקען שוין מצרף זיין צו אַ מנין און צו מזומן, און איך בין אַ קליינער. זיי דאווענען אין תפילין, אַ קרוינדל אויף זייער קאָפ און א צירונג אויף דער האַנט; ווען זיי גייען אין בית־מדרש אַריין, שיינט דאס אויסגעהאפטענע תפילין־זעקל אין זייערע הענט, און איך וואס?... אמת, זיי, די גראָבע יונגען, פילן נישט זייער גרויס גליק און דידאזיקע אומדאנקבאַרע האָבן גאָר קיין מורא נישט אפצוטאן שרעקלעכע עבירות ווי דאווענען נישט ערנסטערהייט, נישט אַכטונג געבן אויף די תפילין, עסקים מיט מיידלעך — אט דאס האָב איך באמת נישט געקענט פארשטיין! זיי זענען דאָך גרויסע, גאנצע יידן, סאיז דאך שוין אראָפּ פון זיי די ערבות פון זייערע טאַטעס, זייערע עבירות פאלן דאך שוין אויף זייערע קעפ, טא ווי האט מען דאס אַזעלכע פארשטאָפטע הערצער דאס נישט צו באגרייפן? און אויב אפילו זיי זענען נישט דערגאנגען צו דער מדרגה פון „דינען גאט פון ליבשאַפט", דארפן זיי דאך אבער מורא האבן פאַר אַ שטראָף... סאיז,

פשוט אַ ווילדע זאַך, וויאַזוי גיבן זיך די מענטשן גאָר נישט אָפּ קיין רעכנונג! און איך, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען מיינע מעשים ווערן פאַרשריבן אויף מיין חשבון און נישט אויף מיין טאַטנס. אמת, איך בין אַ רשע גמור, ס׳איז מיר אַ חרפה צו לעבן, אַז איך גיב זיך אַ דערמאָן די חסדים פונם אויבערשטן, וועלכער האַלט אויף יעדע מינוט מיין לעבן און איך ווידערשפעניק קעגן אים, דאָס הייסט, איך שטעל מיר אים נישט פאָר יעדע מינוט פאַר מיינע אויגן, אין סטרעפּט אויך אַז איך עס און שלאָף, ווייל עס ווילט זיך, און נישט מיט אַ פריעדיקער כוונה, אַז דאָס איז צוליב גאָט, ברוך הוא. איך בין נאָך ערגער, אַ סך ערגער פון זיי. — און פונדעסטוועגן בין איך געווען זיכער, אַז מיינע מצוות וועלן אַריבערוועגן די וואָגשאָל.

און די מצוות האָב איך ליב געהאַט. אמת, דאָס דאַוונען, דאָס דאַזיקע לאַנגע, שטענדיקע, פאַרפליכטנדיק דאַוונען, וואָס ציט זיך עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, איז מיר — טראָצדעם, וואָס איך האָב געוואוסט, אַז אַלע ווערטער האָבן אָן אַ צאָל כוונות — געווען צו לאַסט. און איך פלעג אין הארצן לויבן די קאָצקער חסידים אָדער אפילו די מתנגדים, וואָס ביי די ערשטע איז די התלהבות דער עיקר און ביי די צווייטע — דאָס לערנען תורה. אָבער אַלע מצוות אין אַלגעמיין פלעגן מיר תמיד פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אמת, מצוות זענען נישט געגעבן געוואָרן, מזאָל פון זיי הנאה האָבן און מטאָר נישט זאָגן: „איך וויל נישט קיין חזיר־פלייש", אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב פאָרט הנאה פון דער זאַך? וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב ליב מיין באַשעפער און זיינע מצוות? אדרבה, איך בין זיכער חשוב ביים רבונו של עולם צוליבדעם. קיין „טרוקענע מנהגים" זענען ביי מיר נישט געווען בנמצא; אַלץ איז געווען נשמות, אַלץ זאַכן וואָס שטייען ברומו של עולם, זאַכן, וואָס מאַכן אַ גרויסן רושם אין די עולמות העליונים.

און איך געדענק די מלחמה, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַ־
קערט ביי מיר אין האַרצן, ווען איך בין געקומען אין דער
ליטע — וואָס זאָל איך זיין, אַ חסיד צי אַ מתנגד ? עובדיה,
דעם רבס זון, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט מיר, האט
מיר געעצהט, איך זאל מיך פירן ווי דער מנהג איז דא
אויפן אָרט, וואוהין איך בין געקומען, און איך האָב בשום אופן
נישט געקענט פארשטיין זיין קאַלטקייט. „איך רעד צו דיר לאָגישע
רייד — האָב איך געשריגן מיטן תלמודישן ווערטל — און דו
זאָגסט : דער וואס אין הימל וועט העלפן !״ די מתנגדישע
מנהגים האָבן מיך אביסל צוגעצויגן מיט זייער נייקייט :
אז דו ביסט פון תמיד געוואוינט אנצוהויבן דאס דאַוונען מיט
אַ מנין פון „הודו״, איז אנגענעם צו הערן, ווי דער חזן ענ־
דערט דעם סדר און הויבט פלוצים אן „מזמור שיר חנוכּת!״
אבער איך האָב מיך נישט פאַרלאָזן אויף זיך און איך האָב נאָכ־
געזוכט אין ספרים, וואס רעדן וועגן דעם. איך האָב אפילו גע־
לייענט דעם ספר „שלום על ישראל״, נישט געקוקט דערויף, וואס
איך האָב געהערט, ווי מע שפעט נאך זיין מחבר : צווייפעל —
אַ ספק, צווייפעל — צווי פאַלן, צווייפעל — צוויי פעלן. ענדלעך
האָב איך אליין געפרובט שרייבן אַ גרויסן דיסקוסיע-ספר
צווישן די צוויי כיתות און איך האָב דאָרטן באַוויזן וואונ־
דער מיט מיין הריפות און בקיאות, און מער פאַר אלץ —
מיט לאָגיק.

און אין די סליחות־טעג ... אָט דאָס זענען געווען גליק־
לעכע טעג, באַגערטע טעג! וויפל געפיל פון פאַרגעניגן און
באוואוסטזיין פון זעלבטווירדע! סאיז סוף זמן. דער עול
פון חדר איז געפאַלן, איך, אמת, פאַרברענג סיי־ווי־סיי
נישט די צייט אין בטלנען, איך לערן — איך בין דאך עפעס
נישט גלייך צו זיי — אָבער מיין לערנען איז נישט קיין מוז־
זאַך, סאיז אַ נדבה-געשאַנק פון מיין זייט. איך טו דערמיט
עפעס אַ חסד עמיצן. און אויך וויפל צו לערנען הענגט אָפּ

פון מיין ווילן. און דאָס וועטער – אַ וועטער פון סוף זומער אין אַ קליינע שטאָט. מיין מאַמע האָט געהאַט אַ קליין גערטל, וואס זי האָט באַארבעט, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שום מגע־ומשא מיט דעמדאזיקן גערטל; איך בין געזעסן אין קלויז, כ׳האָב מיך באַמיט צו לערנען. אהיים פלעג איך קומען נאר עסן און שלאָפן. און איידער איך פלעג זיך לייג׳, פלעג איך שטארק בעטן דעם טאַטן מיך אויפצוּוועקן צו סליחות. די־דאזיקע מצוה האט מיך געפאַנגען דערמיט, וואס אין מיר איז פאַראַן א באַרימען זיך לגבי אנדערע און אַ גוֹבר־זיין דעם חוֹמר בעתן אויפשטיין פאַרטאָג. אמת, מיין טאַטע פלעגט מיך אויפוועקן אויך אָן מיין בעטן.

אַ באגינען־פייכטקייט איז נאך אויסגעשפרייט אויף דער ערד און דער שאָטן פון דער נאַכט, אַ מטושטשער און אַ בלייַכער, שוועבט נאך ארום אין דער טונקעלער ליכט, וואס איז אויסגעגאָסן אויף דער נאַטור. די שטילקייט ווערט איבער־געריסן דורכן בלעקען פון די קי, וועלכע מע פירט ארויס אויף דער פאַשע און דורך דעם קרייען פון די הענער, וואס דאַוור־נען שחרית. די פענסטער־לאָדן זענען פארמאַכט. סיי עוֹבדיה, סיי יעקב שלאָפן נאך, און איך גיי צוריק פון שול; כ׳האב שוין באַוויזן אסך צו דאַוונען און אסך צו לערנען, מערער ווי סמוז אַ יינגל פאַר „בר־מצוה״. גרויסהאַלטן זיך, אמת, טאָר מען נישט, אָבער... אין האַרצן שפיר איך אַ שוואַכקייט, מיין קול איז אָפגעשוואַכט און דאס דאָזיטע טוט מיר שטאַרק הנאה. איך גיי אריין אין שטוב און וועק אויף מיין שלאָפנדיקע מאַמע:

– מאַמע, מאַמע, שטיי אויף! די בהמה בלעקעט; ס׳איז אַ צער בעלי חיים... איך בין שוין געקומען פון „סליחות״!...

מיין מאַמע שטייט אויף און נעמט זיך באשעפטיקן מיט איר אַרבעט. איך זעץ זיך צום ט״ש און עפן די גמרא פונם קליינעם ש״ס, וואס ר׳ ברוך עליו־השלום, האָט איבער־

און אז איך פלעג אמאל טענהן מיט אומקלארע רייד, אז איך שרייב נישט צוליב אנדערע, פלעגט זיך די דיסקוסיע ענדיקן מיט אַ ליטישן פּאַטש.

מיין מאַמע האָט אין אלגעמיין געליטן פון דעם אויפפירן זיך פונם משוגענעם טאטן מיט איר זון, נאר זי האט נישט גע־וואַגט ארויסצוזאָגן איר מיינונג, נאר ביי סצענעס, לחלוטין אומגערעכטע מצד דעם טאַטן, פלעגט טרעפן, אז זי פלעגס זיך נישט איינהאלטן:

— אבער זאג מיר, שלום געצל, פארוואס האָסטו נאר מורא פאר אנדערע? וואס גייען זיי דיך אָן? זאלן זיי די קעפ ווי טאָן פאר זייערע געשעפטן. סמאַכט נישט אויס. איך שעם מיך נישט מיט מיין זון פאר זיי, איך פאל פאר זיי נישט אַראָפּ. זאל איך אזוי לעבן, אַז דאָס הארץ טוט ווי. דו ווייסט רק אים צו פייניקן. נעכטן האט ער נישט אָפּגע־ווישט די נאָז ווי געהעריק — און דו שלאָגסט אים. היינ! שלאָגן אים יינגלעך שטיפערס — רייסטו אים אָן ביי די אויערן. וויל ער נישט אמאל מיט דיר מיטגיין דו דיינע „גבירים" — ווערסטו אין כעס. אַ שרעקלעכער זינדיקער. הלואי, זאלן די קלענערע נישט זיין ערגער פון אים. ער איז דען גלייך צו אנדערע יינגלעך? ער האָט דען איינמאָל פון אונז פאַרלאַנגט אַ נייעם בגד אדער אַן אַנדער היטל, כאָטש ער גייט אַרום קרוע — בלויע? אַ קינד, וואס שווייגט... אַ גוט און שטיל קינד. ער קען דאָך אפילו נישט צו ז ע ן דעם צער פון אַ קאַץ... אַ גרויסער חטא דאס יינגל שרייבט. איך האָב געוואוסט, אז מפלעגט זיין אין כעס אויף קינדער, ווען זיי ווילן נישט שרייבן, און דא איז אַ פאַרקערטע וועלט. ניין, שלום געצל, דו ווייסט דאָך, אז איך בין נישט ווי די אנדערע נארישע מאַמעס. איך האָב מיך פיינט אריינצומישן אין דיינע געשעפטן. ווארום וואס זאָג איך דען? איך ווייס, אַז דו ביסט אַ טאַטע, און דו שלאָגסט

געלאָזט בירושה מיין טאַטן. איך לערן מעגינא דיוּמא: „ראש השנה", „יומא", „סוכה", „חגיגה", „מוֹעד קטן". אבער איך מיש בלויז די בלעטער. מיין גייסט שוועבט אַרום אין וועלטן, וואס פליען אינדערלופטן. איך טראכט וועגן מיין לעבן, וואס שטייט מיר פאָר אין דער ישיבה, וועגן מיינע געפילן, וועגן דער יידישער אומה, וועגן די פאַרדאָרבנקייטן פון די שטערבלעכע, וועגן די סליחות, און אין האַרצן קומט אויף אַ פאַרלאַנג, איך זאל אויך מאַכן סלוחות און חתמנען מיין נאָמען אין אנהויב פון די חרוזים.

דער חשק צום שרייבן האט זיך ביי מיר אנטוויקלט אין די פריסטע יוּגנט־טעג. איך פלעג שטענדיק אַסך „באשרייבן" אלץ וואס ארום מיר, אלץ וואס קומט פאָר ביי אוּנז אין שטוּב, אין חדר און אין קלויז — די דריי הייזער, וואס איך האָב געקענט. איך פלעג אויך ליבהאבן צו מאַכן אַ קיצור פון מיינע לימודים, „אויסצוּלייגן עס אין שריפט" און קלייבן דערפוּן נחת אין „יומא־דפגרא"ס. מיין מוֹח איז געווען פול מיט פארשיידענע פאַנטאַזיעס וועגן דעם גרויסן חיבוּר, וואס איך וועל מחבר זיין אויף גאַנץ ש"ס און אויף די פיר חלקים שוּלחן־ערוּך — אויף דידאזיקע גרויסע מאַרמאָר־זיילן, וועלכע גרייכן מיט זייערע שפיצן העט אין די הימלען אַריין. מיין בוּך וועט הייסן „דברי ירמיהו", און איך האָב מיך שוין מצער געווען, פארוואס איך בין נישט קיין כהן, ווארום דאן וואלט איך נאך געקענט צוּגעבן „מן הכהנים".

מיין פאטער האט איינגעפונען דאס דאזיקע שרייבן מיינס אלס ראוי צו ווייזן דער וועלט, כדי מען זאָלן וויסן, אז זיין ירמיה איז אויך אַ בעל־לשון. און דאך פלעגט ער מיך נישט לאָזן שרייבן אַ סך, ווי איך פלעג וועלן. לויט אים נאך, איז גענוּג אנצוּשרייבן איין גרויסע מליצה אויף צו באווייזן און נישט מער. מדארף נישט פטרן דערויף קיין סך צייט

אים ווייל דו ווילסט פון זיין טובה וועגן... שלאג אים, לערן אים, זאָלן דיר די הענט נישט ווי טאָן... אָבער... אלע בענטשן זיך דאָך מיט אים... אלע...

— שווייג, בהמה! — ענטפערטט דער טאַטע — איך ווייס איך פונקט אזוי ווי דו, וואס לייט זאָגן אויף אים, אבער דערפאַר טאַקי, דארף איך אים שטראָפן מער פאר אנדערע. איך בין נאָר אין כעס פארוואָס ער איז אַן עקשן. כהאָב אים נאָר „מכבד געוועזן״ פאר אַזעלכע תשובות, ווי „פאר מיר אליין שרייב איך״... דער גרויסער מענטש! ער שרייבט פאר זיך אליין... איך פארשטיי נישט: אויב נישט צו ווייזן — אויף וואס זשע איז דאס שר־יבן? אויף וואס דארף מען עס די־דאזיקע נאַרישקייט? און עקשנען זיך וועל איך אים נישט לאָזן... איך בין אַ טאַטע!... איצט לערנט אים דער רב אַן געלט, אָבער סאיז דאך געווען אַ צייט, ווען איך האָב מיך מוסר־נפש געווען צוליב אים: מיין גאַנץ פערדינסט איז גע־ווען זיבעציק רובל אַ זמן, האָב איך פופצן רובל געצאָלט פאר אים פייולען דעם מלמד!

— א דאַנק דיר, מיין טייערער מאַן! — ווערט מיין מאַמע רויט — אלע אונזערע פריינט און ווער אונז גוטס גינט זאָלן געשטראָפט ווערן מיט אַזא „הוצאה״, רבונו של עולם! וואס איז דען אונזער לעבן, שלום געצל, אויב נישט צו צאָלן שכר־לימוד פאר אונזערע קינדער? עסן מעדנים, צי גיין אין „טריאַטר״?

— נישט דאָס זאָג איך! — ווערט מיין טאַטע אביסל ווייכער־גו, נאַרישקייטן! גיב מיר, ירמיה, דיין מליצה וועגן חודש אלול...

— וועגן חודש אלול? אפשר וועט גוט זיין דער שיר: „דער ייד און דאס הייליקע לאַנד״?

— דער שיר?... נישט דיין עסק... איך זאָג, גיב, דארפסטו באַלד געבן... גיב דעם שיר אויך. אלימלך האָלט

זיך פאר אַ בעל־לשון און ער האָט צו טאָן, זאָגט ער, מיט די „גאַזעטן” אויך, כע – כע, זאָל ער זען און זאל ער זאָגן – אַ מיינונג.

איך נעם אַרויס און גיב אים אַ שטיקל פּאַפּיר, אנגעשריבן פון ביידע זייטן, וואס איך האָב אַרויסגעריסן פון דער גמרא. ער גלעט די באָרד, לייענט וועגן „חודש אלול, וואס קומט צו אונז און טוט אַ געשריי — און הייסט אונז תשובה־טאָן, מיר זאָלן אין גאָטס אויגן געפינען חן”, האָט הנאה און דריקט אויס אומצופרידנהייט, הייסט מיך אויסמעקן עפּעס אַ תּלמודיש ווארט, וואס האט זיך אים געשטעלט ווי אַ ביין אין האלז, און גיט צום סוף אַ זאָג, אַז איך בין ווערט אַ פּאַטש אין באַק, אַ חרפּה און אַ שאַנד פאר מענטשן.